**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/11/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט סוקסעספול פילאט פראגראם פון ׳פירסטנעט׳ פובליק זיכערהייט נעטווארק צו פארשטערקערן ניו יארק׳ס אפעראציאנעלע גרייטקייט און עמערדזשענסי אפרוף**

***פילאט פראגראם פרואווט פובליק זיכערהייט׳ס געווידמעטע קאמוניקאציעס פלאטפארמעס פעאיגקייט צוצושטעלן פארלעסליכע, מאדערנע קאמוניקאציעס אלס טייל פון דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט׳ס LTE ווייערלעס נעטוואָרק טעכנאלאגיע פילאט פרואוו פראיעקט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אן ערפאלגרייכע צוזאמארבעט צווישן דער ניו יארק סטעיט פּאַווער אויטאָריטעט און AT&T אויסצופרואוון ׳פירסטנעט׳, געבויט מיט AT&T, אלס טייל פון א NYPA פריוואטע ווייערלעס לאנג-טערמיניגע עוואלוציע (LTE) טעכנאלאגיע פרואוו פראגראם. ׳פירסטנעט׳ איז די איינציגסטע, הויי-ספיעד בראודבענד קאמוניקאציעס פלאטפארמע געווידמעט פאר אמעריקע׳ס ערשטע רעספאנדערס און די ברייטערע פובליק סעיפטי קאמיוניטי. דער NYPA פראיעקט צילט אויף צו בויען א זיכערע, פעסטע און פארלעסליכע LTE נעטווארק און פארשטערקערן די סטעיט-ברייטע יוטיליטי פירמעס גרייטקייט און אפעראציאנעלע און פראגראמאטישע פעאיגקייטן. אלס אן ארגאניזאציע וועלכע קען גערופן ווערן צו העלפן שטיצן ניו יארק׳ס פובליק זיכערהייט אין טאג-טעגליכע אפעראציעס און דורכאויס עמערדזשענסי אפרוף, טוט NYPA אפשאצן ׳פירסטנעטס׳ פעאיגקייט אויסצושטאטען אירע ארבעטער מיט נייע פעאיגקייטן און פארלעסליכע צוטריט צו קריטיש-וויכטיגע אינפארמאציע בשעת׳ן זיין אין פעלד, זיי ערמעגליכן צו בעסער סערווירן ניו יארק סטעיט און פאראויס-פירן ניו יארק׳ס ענערגיע סיסטעם ווידערשטאנד פעאיגקייט צילן.

״דורך זיך אונטערנעמען צו מאדערניזירן אונזער עמערדזשענסי אפרוף סיסטעמען, פירט ניו יארק דעם וועג אין אינאוואציע דורך אויסניצן נייע און עקזיסטירנדע טעכנאלאגיעס ווי ׳פירסטנעט׳,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער פרואוו פראגראם וועט העלפן פארזיכערן אז אונזער עלעקטרישע סיסטעמען זענען גרייט נאכצוקומען די מארגנדיגע ענערגיע פארלעסליכקייט ארויספאדערונגען. איך בין שטאלץ מיט דער צוזאמארבעטשאפט, און דער צייט וואס מיר ארבעטן אויס א נייע און מאדערנע עמערדזשענסי אפרוף סיסטעם.״

׳פירסטנעט׳ איז געבויט מיט AT&T אין פובליק-פריוואטע צוזאמארבעט מיט דער ערשטע רעספאנדער נעטווארק אויטאריטעט (׳פירסטנעט׳ אויטאריטעט), אן אומאפהענגיגע אגענטור אינערהאלב דער פעדעראלער רעגירונג. ׳פירסטנעט׳ איז געאייגנט צו לייזן לאנג-אנגייענדע קאמוניקאציע שוועריגקייטן וועלכע די פובליק זיכערהייט קאמיוניטי האט אויסצושטיין, און דערמיט ערמעגליכן פאר ערשטע רעספאנדערס צו קאמוניקירן איינער מיט׳ן אנדערן דורכאויס טאג-טעגליכע פארקומענישן, גרויסע צוזאמקונפטן אדער עמערדזשענסיס.

**עימי קרעמער, פרעזידענט פון AT&T אין ניו יארק, האט געזאגט,** ״ביי AT&T זענען מיר אנטשלאסן צו העלפן קאסטומערס געפונען קאסט-גינציגע און פארשטערקערטע באהעפטונג לייזונגען און מיר פרייען זיך צו האבן ערפאלגרייך גע׳טעסט ׳פירסטנעט׳ פאר NYPA׳ס פריוואטע LTE ווייערלעס נעטווארק

טעכנאלאגיע פראיעקט. מיט ׳פירסטנעט׳ האט NYPA ריכטיג געווידמעט דעקונג און קאפאציטעט ווען זיי ברויכן עס האבן, אריינגערעכנט אייגנארטיגע בענעפיטן ווי שטענדיג-אנגעצינדן פריאריטעט. אין צוגאב ערמעגליכט דער געמיינזאמע אינטער-אפערירבארע פלאטפארמע פאר NYPA צו עפעקטיוו און פאסיג קאארדינירן עמערדזשענסי אפרוף צווישן אגענטורן און יוריסדיקציעס לענגאויס ניו יארק סטעיט.״

**NYPA צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״ענערגיע סעקיוריטי און קאמוניקאציעס גייען האנט-ביי-האנט, דערפאר טוען מיר ביי NYPA זיך פרייען אויסצוניצן אונזער יוטיליטי ערפארונג אינאיינעם מיט די מומחים ביי AT&T פאר דער קריטיש-וויכטיגער עמערדזשענסי קאמוניקאציעס פרוואו פראגראם אונטערנעמונג. דער ענדגילטליכער ציל פון דעם פראיעקט איז צו פארשטערקערן NYPA׳ס אפעראציאנעלע און פראגראמאטישע פעאיגקייטן און אויסניצן אלע מעלות פון דער כסדר-ענדערנדע אינאוואציע אין ווייערלעס טעכנאלאגיע פאר׳ן טובה פאר אלע ניו יארקער.״

דער פרוואו פראיעקט איז פארגעקומען ביי NYPA׳ס בלענהיים-גילבאא׳ס גע׳פאמפ׳טע סטאָרעדזש עלעקטרישע קראפט פראיעקט. עס בויט אויף NYPA׳ס פריערדיגע ערפאלגן אין אויספרואוון פריוואטע LTE ווייערלעס נעטווארק פעאיגקייטן אנאנסירט פאראיאר.

דער LTE ווייערלעס נעטווארק פרוואו פראגראם איז געצילט צו דערגאנצן עטליכע קריטיש-וויכטיגע NYPA איניציאטיוון אריינגערעכנט איר באפעסטיגטע קאמוניקאציע רוקנביין און סענסאר ארויסשטעלונג פראגראמען. דער 153 מיליאן דאלערדיגע קאמוניקאציע רוקנביין פראגראם צילט צו ערזעצן NYPA׳ס עקזיסטירנדע פונקט-צו-פונקט שטראמקרייז צו פארוואלטן די געשטייגענע דאטע פלוס פון דער ארויסשטעלונג פון אינטעליגאנטע סענסארס. זינט 2017, ארבעט NYPA אויף צו אינסטאלירן טעכנאלאגיש פארגעשריטענע סענסאר כלים צו נאכשפירן די געזונטהייט פון איר טראנסמיסיע און שאפונג אייגנטומען און צו ווייטער ערמעגליכן די פעאיגקייטן פון איר אינטעגרירטע סמאַרט אפעראציע צענטער (iSOC).

אין צוגאב צו אויספרואוון קאמוניקאציעס אויף דער ׳פירסטנעט׳ נעטווארק, האט שוין NYPA פון פריער אויספרובירט די פראגראמען ניצנדיג סוב-גיג ספעקטרומען בענד 8 (אנטעריקס) און בענד 71 (אמעגא ווייערלעס) מיט נאקיע. NYPA טוט אויך אויספרואוון נאך ספעקטרומען בענד 8, בענד 48 (CBRS), און בענד 53 (גלאבאל-סטאר) ביי איר LTE לאבאראטאריע אין ווייט פלעינס.

דער פראיעקט שטיצט אויך NYPA׳ס ציל פאר דיגיטיזאציע פון איין עק ביז׳ן אנדערן, וועלכע איז איינע פון די יסודות׳דיגע זיילן פון NYPA׳ס וויזשען פלען2030.

**סענאטאר קעווין פארקער, פארזיצער פון דער קאמיטע אויף ענערגיע און טעלעקאמוניקאציעס, האט געזאגט,** ״אין א תקופה פון כסדר מער געפארפולע וועטער מוסטערן און אנדערע פאטענציעלע דראונגען צו אונזער ענערגיע סעקיוריטי, אין עס דערקוויקנד צו זען ניו יארק סטעיט און דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט, מיט AT&T, נעמענדיג פראאקטיווע שריטן צו אונטערהייבן ניו יארק׳ס ענערגיע און עמערדזשענסי קאמוניקאציעס און אפרוף סיסטעמען.״

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל קוסיק, פארזיצער פון דער קאמיטע אויף ענערגיע, האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר ארבעטן צו אפגרעיד׳ן אונזער גריד איז העכסט-נייטיג אז מיר זאלן פארזיכערן אז מיר האבן די מערסט פארלעסליכע ענערגיע און קאמוניקאציעס אינפראסטרוקטור פאר אונזערע ערשטע רעספאנדערס. מיר פארלאזן זיך גאר שטארק אויף אונזערע ערשטע רעספאנדערס אין עמערדזשענסיס גרויס און קליין און מיר האבן א פאראנטווארטליכקייט צו פארזיכערן א זיי האבן די נויטיגע כלים און מיטלען צו קענען טון זייער ארבעט אויפ׳ן בעסטן אופן. דער ׳פירסטנעט׳ פרוואו פראיעקט וועט סערווירן

אלס א מוסטער פאר אונזער סטעיט און פאר'ן גאנצן לאנד אין וויאזוי צו פארזיכערן פארלעסליכע קאמוניקאציע אינפראסטרוקטור פאר אונזערע ערשטע רעספאנדערס."

*'פירסטנעט' און דער 'פירסטנעט' לאָגאָ זענען רעגיסטרירטע טרעידמארקס און סערוויס צייכנס פון דער 'פירסט רעספאנדערס נעטווארק אויטאריטעט'. אלע אנדערע צייכענעס זענען די אייגנטום פון זייערע באזונדערע אייגנטימער.*

**וועגן NYPA**
NYPA איז די גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, וועלכע אפערירט 16 דזשענערעיטינג איינריכטונגען און איבער 1,400 רינדיגע מיילן פון טראנסמיסיע ליניעס. מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריציטעט וואס NYPA פראדוצירט איז זויבערע באנייבארע היידראָ-ענערגיע. NYPA ניצט נישט קיין שום שטייער געלטער אדער סטעיט קרעדיט. אירע אפעראציעס ווערן פינאנצירט דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און פאלגט אונז נאך אויף 'טוויטער' @NYPAenergy, 'פעיסבוק', 'אינסטאגראם', 'טאַמבלער' און לינקד-אין.

**איבער AT&T קאמוניקאציעס**
מיר העלפן פאמיליע, פריינט און שכנים זיך באהעפטן אין באדייטנספולע וועגן יעדן טאג. פון דעם ערשטן טעלעפאָן קאָל איבער 140 יאר צוריק ביז מאביל ווידעאו סטרימינג, טוען מיר ביי AT&T אינאווירן צו פארבעסערן לעבנס. AT&T קאמוניקאציעס איז א טייל פון AT&T אינק. (NYSE:T). פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזיכט אונז אויף att.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418